א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

תשע"ח | פרשת לך לך | 249

## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### תפילת הדרך פאר שלוחי מצוה

**"וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל וַאֲבָרֶכְךָ וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ וֶהְיֵה בְּרָכָה"** (יב ב)

"לפי שהדרך גורמת לשלשה דברים: ממעטת פריה ורביה, וממעטת את הממון, וממעטת את השם, לכך הוזקק לשלש ברכות הללו שהבטיחו על הבנים, ועל הממון, ועל השם" (רש"י, ע"פ ב"ר לט יא).

לויט דעם ערקלערט **רבי משה בצלאל לוריא אב"ד** סַיינִי וואס די קדמונים האבן מתקן געווען צו בעהטן ביי תפילת הדרך דריי בקשות אקעגן די דריי זאכן וואס די וועג איז גורם:

**"ותשלח ברכה במעשי ידינו"** - אקעגן דעם וואס די געלט ווערט וויניגער, **"ותתננו לחן"** - אקעגן פריה ורביה, [אזוי ווי חז"ל דרש'ענען (במ"ר יא ו): "וִיחֻנֶּךָּ" (במדבר ו כה) - 'יחון אותך בבנים'], "..**ולחסד ולרחמים בעיניך ובעיני כל רואינו**" - אקעגן דעם וואס זיין נאמען ווערט פארוויניגערט.

מיט דעם פארשטייט מען אויך פארוואס דארפן אויך די שלוחי מצוה זאגן תפילת הדרך, כאטש אז די חכמים זאגן (פסחים דף ח א): "שלוחי מצוה אינן ניזוקין"? ווייל ווי געזאגט, די תפילה איז נאר צו ראטעווען פון די סכנות וואס זענען דא אויפן וועג, נאר עס איז א תפילה אויף די דריי אויבנדערמאנטע זאכן, און די זאכן ווערן נישט גערעכנט פאר קיין שאדן אז די מצוה זאל פון דעם באשיצן.

'מעשה בצלאל' על הריקאנטי סי' לח

### זאגן 'א-ל מלא רחמים' פאר עטליכע נפטרים צוזאמען

**"וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל וַאֲבָרֶכְךָ וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ וֶהְיֵה בְּרָכָה"** (יב ב)

"'וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל' - זהו שאומרים 'אלקי אברהם', 'וַאֲבָרֶכְךָ' - זהו שאומרים 'אלקי יצחק', 'וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ' - זהו שאומרים 'אלקי יעקב'. יכול יהו חותמין בכולן? תלמוד לומר 'וֶהְיֵה בְּרָכָה' - בך חותמין, ואין חותמין בכולן" (פסחים קיז ב).

עס איז א באקאנטער מנהג ביי כלל ישראל צו זאגן אין די שוהלן די תפילה 'א-ל מלא רחמים' לעילוי נשמת פון די נפטרים וואס האבן מנדב געווען פון זייער פארמעגן פאר די געברויכן פון די ציבור. אין א געוויסע שטאט וואו דארט האט מען געדארפט דערמאנען אסאך נפטרים, און ווייל עס איז זיי שווער געווען צו זאגן א עקסטערע תפילה פאר יעדן נפטר עקסטער, האבן די ראשי הקהילה געוואלט מתקן זיין אז אלע נפטרים זאלן דערמאנט ווערן אויף איינמאל.

ווען די שאלה איז אנגעקומען צום טיש פון **רבי שרגא צבי טענענבוים דער מֶעזַאטְשַאטער רב בעל 'נטע שורק'**, האט ער גע'פסק'נט אז מ'קען נישט טוישן דעם מנהג, און ער האט זיך סומך געווען אויף די אויבנדערמאנטע גמרא, ווי דארט שטייט די הבטחה פאר אברהם: "בך חותמים", זעהט מען דאך אז עס איז פאראן א עקסטערע חשיבות צו דערמאנען יעדע נאמען עקסטער, און ווייל אז על דעת דעם האבן די נפטרים מנדב געווען פון זייער פארמעגן פאר די צרכי ציבור, האבן די גבאים נישט קיין רשות צו משנה זיין.

א ענליכן פאל, אבער אנדערשט, איז געברענגט געווארן פארן **טשעבינער רב**, א מענטש וואס מ'האט אים געדינגען ער זאל זאגן קדיש לטובת נשמת א געוויסע נפטר; צי בשעת ער זאגט קדיש מעג ער אינזין האבן פאר נאך א נפטר? אין דעם פאל פסק'נט דער טשעבינער רב אז דאס איז נישט אזוי ווי די הבטחה פון "בך חותמין", ווייל ביים זאגן קדיש דערמאנט מען אינגאנצן נישט קיין נעמען, און אין דעם ענין פון כוונה טרעפן מיר נישט עס זאל זיין א הקפדה מ'זאל נישט אינזין האבן אויף נאך א נפטר.

שו"ת 'נטע שורק' או"ח ח; שו"ת 'דובב מישרים' ח"ב טו

## רזי אמונים
רמזים פון אמן אין די פרשה

### מקדים זיין די 'אמן' בעפאר די ברכה

**"וְהָעַי מִקֶּדֶם"** (יב ח)

"וְהָעַי" איז בגימטריה 'אמן', די תורה האט מרמז געווען אז 'אמן' איז "מִקֶּדֶם" ד.מ. פריער און חשובער פון די ברכה, ווייל "גדול העונה אמן יותר מן המברך" (ברכות נג ב). נאך האט די תורה מרמז געווען מיט דעם, אז בעפאר א מענטש זאגט א ברכה דארף ער זארגן אויף די 'אמן', מיט דעם וואס ער זאגט די ברכה אקעגן מענטשן, ווייל ענטפערן אמן איז משלים די ברכה.

'נחלי מים' ערך אמן

### א ברכה - פון טיפן הארץ

**"וֶהְיֵה בְּרָכָה"** (יב ב)

"'וֶהְיֵה בְּרָכָה' - איז א לשון ציווי, השי"ת האט אים באפוילן אז איבעראל וואו ער גייט זאל ער אויסלערנען די מענטשן אז עס איז דא א גא-ט און זיי זאלן אים לויבן, און אזוי האט ער געטוהן - אזוי ווי עס שטייט שפעטער (פס' ח): 'וַיִּקְרָא בְּשֵׁם ה'"...' ('דעת זקנים מבעלי התוספות').

לייגט צו **רבי שמעון בצלאל ניימאן**, בעל **'ילקוט הרועים'**: אברהם איז באפוילן געווארן פון השי"ת מיט דעם לשון: 'וֶהְיֵה בְּרָכָה', ד.מ. צו זאגן; ווען דו זאסט א ברכה, זאג עס מיט כוונה אז דו זאלסט זיין אינגאנצן אין די ברכה, כדי מענטשן זאלן זיך פון דיר לערנען וויאזוי מ'דארף זאגן א ברכה. און צוליב דעם אויך אין דעם פסוק: "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ" (דברים י יב) וואס פון דעם דרש'ענען די חכמים (מנחות מג ב) דעם חוב פון זאגן מאה ברכות יעדן טאג, שטייט דער לשון 'מעמך' און נישט 'ממך', דיר צו לערנען אז די ברכה דארף געזאגט ווערן פון די טיפעניש פון דער הארץ פון דער וואס זאגט די ברכה.

אזוי שטארק איז די חשיבות פון דער ענין, אז דוד המלך האט אויף דעם געבעהטן אין תהלים (קיט ב): "בָּרוּךְ אַתָּה ה' לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ" - לערן מיך אויס וויאזוי איך זאל זאגן 'ברוך אתה ה'', אויף 'לחם חוקי' - מיין שפייז, פון טיפן הארץ און מיט כוונה.

'פנינים יקרים החדש' תרומה

### אברהם וואלט אלעס געקענט פארדינען ביים דאווענען

**וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ סְדֹם אֶל אַבְרָם תֶּן לִי הַנֶּפֶשׁ וְהָרְכֻשׁ קַח לָךְ: וַיֹּאמֶר אַבְרָם אֶל מֶלֶךְ סְדֹם הֲרִמֹתִי יָדִי אֶל ה' אֵל עֶלְיוֹן קֹנֵה שָׁמַיִם וָאָרֶץ** (יד כב).

א וואונדערליכן פשט אין דעם לשון פון דער פסוק האט געזאגט **רבינו יהודה אריה ממודינא** אין זיין הספד אויף רבי אביגדור ציוידאל פון די חכמי **וועניציע**:

ווען דער קעניג פון סדום האט פארגעשלאגן פאר אברהם אבינו (לעיל פס' כא): "וְהָרְכֻשׁ קַח לָךְ", האט אים אברהם געענטפערט: איך דארף דען דיין געלט? ווען איך וויל ווען דיין פארמעגן: "הֲרִמֹתִי יָדִי אֶל ה'" - ביים דאווענען, און באלד וואלט ער ערפילט מיין בקשה, ווייל דער אויבישטער איז דאך "קֹנֵה שָׁמַיִם וָאָרֶץ", און ער קען מיר געבן אלעס וואס ער וויל.

'מדבר יהודה' [ונציה שס"ב] דף עה ב

### דער אויבישטער האט געגלוסט צו די תפילה פון אברהם

**"וְשָׂרַי אֵשֶׁת אַבְרָם לֹא יָלְדָה לוֹ"** (טז א)

לכאורה וואס איז די כוונה פון די ווארט 'לו'; די סיבה פארוואס שרה האט נישט געבוירן איז נישט געווען נאר וועגן אברהם, נאר צוליב דעם וואס זי איז אויך געווען א עקרה (לעיל יא ל)?

ענטפערט **רבי פנחס הלוי** דער רב פון וועגנראוו:

אין מסכת יבמות (סד א) זאגן חז"ל: "מפני מה היו אבותינו עקורים? מפני שהקדוש ברוך הוא מתאוה לתפלתן של צדיקים". נאך שטייט דארט: "שאינו דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע". לויט דעם קומט אויס אז דאס וואס אברהם און שרה האבן נישט געהאט קינדער איז געווען נאר צוליב דעם וואס דער אויבישטער האט געגלוסט צו די תפילה פון אברהם, וואס איז געווען א 'צדיק בן צדיק', אזוי ווי מיר טרעפן אין מדרש (תנחומא שמות יח) אז תרח האט תשובה געטוהן, און וועגן דעם האט די תורה געזאגט: "וְשָׂרַי אֵשֶׁת אַבְרָם לֹא יָלְדָה לוֹ" - ווייל דער אויבישטער האט געוואלט אז ער זאל דאווענען פאר איר.

'נחלת עזריאל', פרפראות לחכמה


יעדן טאג דארף יעדער מענטש טוהן 'צדקה', ד.מ. זאגן: **צ'** אמנים, **ד'** קדושות, **ק'** ברכות, **ה'** חומשי תורה, און אין זכות פון די 'צדק"ה' איז דער אויבישטער זיך מרחם אויף זיינע באשעפענישן. תיקוני זוהר חדש, ח"ב פג א

טייערער איד

שטעל דיך אויך צו צו די טויזנטער אידן וואס זאגן די ברכות השחר בחברותא, אזוי וועסטו קענען זאמלען יעדן טאג ניינציג אמנים און דו וועסט זוכה זיין געהאלפן ווערן בדבר ישועה ורחמים אזוי עס שטייט אין זוהר הק'.

ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.




# תענה אמונים

א בליק לויטן סדר פון דאווענען

## ברכת 'אשר יצר' רופא כל בשר

- א' -

### באשאפן מיט א וואונדערליכע חכמה

די ברכה פון 'אשר יצר' הייבט זיך מיטן א שבח אויפן באשעפער: "אשר יצר את האדם בחכמה", און די קדמונים שרייבן אז אין דעם לשון 'בחכמה' געבן מיר אפ א דאנק אויף די חכמה וואס דער אויבישטער האט אונז געשאנקען, וואס דורך דעם קענען מיר איינערקענען די גרויסע חסדים וואס ער האט געטוהן מיט אונז פון ווען מיר זענען באשאפן געווארן ביזן היינטיגן טאג (זעה ווייטער). וועגן דעם איז זיכער פאסיג אז מיר זאלן זיך באנוצן מיט די פארשטאנד כדי זיך מתבונן זיין און איינערקענען די טיפקייט פון די חכמה און די חסד וואס זענען באהאלטן אין די בריאה פון דער מענטש, און דורך דעם וועלן מיר לויבן אונזער באשעפער פון טיפן הארץ.

די עצם 'חכמה' אויף וואס מיר לויבן, ערקלערן די מפרשים אויף עטליכע וועגן:

א. אסאך פון די מפרשים (רש"י ברכות ס ב ד"ה ומפליא, ועוד) ערקלערן אז מיר ווילן לויבן אויף די ספעציעלע חכמה וואס ווערט דערקענט מיטן באשאפן דעם מענטש מיט א וואונדערליכע שלימות, און אזוי ווי מיר רעכענען אויס נאכדעם: "וברא בו נקבים נקבים חלולים חלולים". צוליב די גרויסע חשיבות אין דעם ענין האבן די מפרשים מאריך געווען מיט אסאך ערקלערונגען אויף די ברכה ווען זיי רעכענען אויס די ספעציעלע חכמה וואס ליגט אין די סיסטעם פון דער קערפער פון א מענטש. און עס איז שוין באקאנט וואס דער 'חזון איש' איז זייער מאריך אין דעם ענין אין זיין ספר 'אמונה ובטחון' (פ"ב). אין די קליינע ארטיקל וועלן מיר ברענגען נאר א טייל פון די ווערטער פון דער אבודרהם וואו ער שילדערט די חכמה פון השי"ת ביים באשאפן דער קערפער פון דער מענטש: "ער האט באשאפן די אויגן צו קוקן און זעהן מיט זיי. ער האט באשאפן די אויגן דעקלעך (עפעפיים) ער זאל קענען פארמאכן די אויגן און שלאפן און נישט זעהן קיין שלעכט'ס...ער האט באשאפן לעכער אין די אויערן ער זאל הערן מיט דעם... ער האט באשאפן דעם גארגל ער זאל קענען מיט דעם אריינציעהן און ארויסבלאזן די לופט דורך די לונגען צו די נאז-לעכער און ביז צו די מויל, און קענען ארויסגעבן א שטימע פון רעדן וואס קומט ארויס פון די לונגען. ער האט באשאפן די הארץ ער זאל דורך דעם קענען לעבן און טראכטן אלע ערליי מחשבות... ער האט באשאפן די מילץ 'טחול' אויף די לינקען זייט צוזאמען מיט די מרה שחורה אפקילן די בני מעיים (געדערים) און די בויך עס זאל נישט טרוקן ווערן די עסן און די טרונקען... און אלעס וואס דער אויבישטער האט באשאפן אין דעם מענטש האט ער נאר באשאפן צוליב דעם מענטש און זיין לעבן, און דאס איז א געוואלדיגע פארשטאנד וואס עס איז נישטא נאך אין זיין גלייכן...".

מ'דארף פארצייכענען אז די חכמה דערקענט זיך אויך אן אין אונזער דור וואו די וויסנשאפט שטארקט זיך אגאנצע צייט; עס איז גענוג אויב מיר וועלן אריינטראכטן אין די דיאלעסיס מאשין, וואס איז אנשטאט די ארבעט פון די נירן פאר די וואס דארפן צוקומען צו דעם, רחמנא ליצלן. כאטש אז למעשה אקעגן די נאטורליכע נירן איז איר ארבעט אסאך שוואכער אן צו פארגלייכן, דאך איז די מאשין זייער גרויס אקעגן די נירן וואס זענען נאר געציילטע סענטימעטער. און די נירן זענען דאך נאר איין גליד פון א גאנצע סיסטעם פון די גלידער וואס יעדע פון זיי האבן אין זיך א געוואלדיגן כח, וואס בדרך הטבע וואלטן זיי געדארפט פארנעמען גאנצע צימערן, און דער באשעפער האט אלעס אריינגעשטעלט אין דעם קליינעם חלל פון די בויך, און נישט נאר דאס, נאר אויך אז אלע גלידער ארבעטן צוזאמען און מיט א אויסטערלישע פונקטליכקייט.

### די חכמה וואס מיט דעם איז דער מענטש מער פון אלע באשעפענישן

ב. עס זענען דא פון די מפרשים (רבנו מנוח תפילה ז ה; מהרש"א ח"א ברכות שם ועוד) וואס טייטשן נישט דעם לשון 'בחכמה' אויפן באשאפן דעם מענטש, ווייל אלע פעיקייטן וואס זענען פארהאן אין דער קערפער פון דער מענטש זענען אויך דא ביי א בהמה, און פון דער נוסח פון די ברכה: 'את האדם'... 'וברא **בו**' זעהט אויס אז עס גייט ארויף אויף א ספעציעלע חכמה וואס איז פארהאן אין דעם מענטש. וועגן דעם טייטשן זיי אז מיר לויבן אויף די עצם חכמה און שכל וואס השי"ת האט געשאנקען פארן מענטש און מיט דעם איז ער מער פון אלע בעלי חיים.

אין ספר 'שלמי ציבור' פונעם מהרי"י אלגאזי (כונת הברכות, אשר יצר) ברענגט ער אין נאמען פון דרשות מהרים"ט וואס טייטש, אז אנדערש פון א דאקטער א בשר ודם וואס קען נישט היילן אן ער זאל פריער לערנען די חכמת הרפואה, איז אין דער קערפער אליין באהאלטן א נאטורליכע חכמה, וואס אן מ'זאל אים לערנען וואס צוטוהן דערוויטערט ער פון זיך די זאכן וואס שעדיגן אים, און דערנענטערט צו זיך די וואס זענען פאר אים א נוצן.

### די עסן זענען געווען פריער פון דער מענטש

ג. די בעלי התוספות (ברכות ס ב ד"ה אשר) טייטשן אז די גרויסע חכמה אויף וואס מיר לויבן גייט ארויף אויף דעם וואס השי"ת האט אים צוגעגרייט עסן בעפאר ער איז באשאפן געווארן, ווייל אדם הראשון איז דאך באשאפן געווארן פרייטאג נאך אלע באשעפענישן וואס דארפן אים באדינען. און די מפרשים לייגן צו א באווייז אויף דעם, מיר זעהן מיר אז ווען א קינד ווערט געבוירן האט ער גרייט זיין עסן (ראה צל"ח ברכות י א).

די גדולי החסידות לייגן צו און טייטשן מיט דעם, געוועגליך שאצט זיך די חכמה פונעם דאקטער לויט זיינע מעגליכקייטן צו היילן קרענק, אבער אויך דער קלוגסטער דאקטער קען נישט באשאפן א רפואה פאר א קראנקהייט וואס איז נאכנישט אויף דער וועלט. אבער דער אויבישטער האט שוין פון פאראויס געקוקט ביז די ענדע פון אלע דורות, און נאך בעפאר ער האט באשאפן דעם מענטש האט ער צוגעגרייט א רפואה פאר יעדע קראנקהייט און שוואכקייט וואס וועט ווערן אין לויף פון די צייט, און אויף די ספעציעלע חכמה לויבן מיר ('עבודת ישראל' שמות פר' זכור).

נאך זאגט האדמו"ר רבי יחזקאל'ע פון קאזמיר אז מיטן צוגרייטן דאס שפייז פארן מענטש בעפאר ער איז באשאפן געווארן ליגט א טיפע חכמה, ווייל ווען נישט, נאר השי"ת וואלט יעדן איינעם גע'משפט לויט ווי ער פירט זיך אויף אין יענע מינוט, צי ער איז בארעכטיגט צום עסן אדער נישט, ווער איז דען פארזיכערט אז עס קומט אים? אבער ווייל דער אויבישטער מיט זיין מדת הרחמים האט שוין פון פריער צוגעגרייט דאס שפייז פארן מענטש, איז דאך זייער עסן נישט פארבינדן מיט זייערע מעשים ('דברי ישראל' מצורע).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## א ירושה וואס איז געשיקט געווארן מן השמים

די אויסנאם ערציילונג האט אין זיך א שטארקער דערהער איבער תפילה, ביטחון אין ה' און אין אויסערגעוועגליכע ישרות. דאס האט פאסירט אין די לעצטע יארן אין די הויז פון איינעם פון די באקאנטע ראשי ישיבות וואס איז לעצטנ'ס נפטר געווארן אינמיטן זיינע בליענדע יארן, און איז דערציילט געווארן דורך זיין משפחה אין לויף פון די 'שבעה'.

עטליכע יאר בעפאר זיין פטירה, האט דער ראש ישיבה געהאלטן פארן חתונה מאכן זיין יונגסטע טאכטער מיט א חשובער חתן א בן תורה. אזוי ווי מ'פירט זיך, האט ער זיך געדארפט אונטערנעמען א גרויסע סומע געלט אויף צו קויפן א דירה פאר די יונגע פאר-פאלק כדי אז דער חשובער חתן זאל קענען לערנען און דינען דעם אויבערשטן מיט הרחבת הדעת.

פאר דעם ראש ישיבה איז עס זייער שווער אנגעקומען, ווייל אלע זיינע יארן, אויך נאכן זוכה זיין צו חתונה מאכן כמעט אלע זיינע קינדער, האט ער זייער מקפיד געווען נישט זיין שולדיג פאר קיינעם, אבער פון די צווייטע זייט, וואס טוהט מען נישט כדי צו באקומען א חתן א בן תורה?! דער ראש ישיבה האט זיך אבער נישט אונטערגענומען בעפאר ער האט אויסגעשטעלט א קלארן פלאן וויאזוי ער וועט דורך דעם קענען באצאלן זיין חלק פאר די דירה פון די יונגע פאר-פאלק.

דער געדאנק זיינע איז געווען זייער פשוט: פארקויפן דעם הויז וואו ער וואוינט יעצט, און אנשטאט דעם קויפן א הויז אין א ווייטע שטאט. און פון דער אונטערשייד אין די פרייזן פון צווישן די צוויי הייזער האט געדארפט איבערבלייבן אין זיינע הענט א שיינע סומע ער זאל מיט דעם קענען באצאלן זיין גאנצע חלק אין די הויז וואס איז געווידמעט פאר די יונגע פאר-פאלק אן צו דארפן נעמען אויף זיך חובות.

די פלאן איז געווען זייער גוט גערעכנט, אבער א קורצע צייט נאך די חתונה וואס איז געפייערט געווארן אין א מזל'דיגע שעה, האט זיך ארויסגעשטעלט אז צוליב עטליכע ביוראקראטישע זאכן צוזאמען האט מען עס נישט געקענט אויספירן. דער ראש ישיבה האט געדארפט טרעפן א אנדערע וועג צו קענען צוזאמשטעלן די סומע וואס פעלט זיך אויס.

עס האט אויסגעזעהן אז ער האט נישט קיין אנדערע וועג נאר צו 'דרייען חובות' - אזוי ווי מענטשן רופן עס, אבער דער ראש ישיבה האט באשלאסן זיך נישט מייאש זיין. און פון דעסוועגן, וואס קען מען טוהן? - האבן די הויזגעזונד געפרעגט מיט זארג, און דער ראש ישיבה האט געהאט אין זיין מויל א קלארן ענטפער: "דאווענען!!!".

די ענטפער האט נישט איבערראשט די פאמיליע, נאך פון זייער יוגנט האט זיי זייער פאטער אויסגעלערנט אז עס איז נישט דא אזאך וואס מ'קען נישט בעהטן פון השי"ת. שוין פון לאנג איז זייער פאטער באקאנט געווען צווישן זיינע תלמידים און באקאנטע אלץ א 'עמוד התפילה', און אסאך פון די וואס האבן זוכה געווען צו הערן זיין דאווענען האבן באצייכנט מיט התפעלות אז עס איז גענוג געווען צו הערן דעם ניגון פון זיין דאווענען כדי צו קענען גרינגערהייט פארשטיין פון דעם די פירוש המילות.

אבער דאס מאל האט זיך אריינגע'גנב'עט אין זייער הארץ די געפיהל, ווער ווייסט, אפשר דווקא יעצט, אין די יארן, וועט זייער פאטער דארפן 'דרייען' געלטער דורך הלוואות ווען בדרך הטבע האט ער נישט די מעגליכקייט זיך ארויסדרייען פון דעם. פון וואו זאל דען פלוצלינג 'אראפפאלן' אויף זיי אזא גרויסע סומע געלט?!

דער ראש ישיבה, מיט זיין שטארקע ביטחון אין זיין באשעפער, האט איגאנצן נישט געהאט קיין ספק וואס צוטוהן; ער האט באלד באפוילן פאר די פאמיליע זיינע זיי זאלן אנהייבן זוכן א פאסיגע הויז וואס שטייט צום פארקויפן, ווען אויף די שאלות וואס מ'האט געהאלטן אין איין פרעגן: "כסף מנלן?", איז געווען דער זעלבער ענטפער: "מ'דאווענט!".

ווען ענליך איז געטראפן געווארן די געוואונטשענע הויז, א שיינע און א עלעגאנטע הויז אין איינס פון די פרומע שטעט, האט זיך דער ראש ישיבה נישט אפגעהאלטן פון צו חתמ'ענען אויף די קאנטראקט, האבנדיג ביטחון אין באשעפער אז ער וועט צוהערן זיין תפילה און אים העלפן ער זאל ווייטער קענען זיצן על התורה ועל העבודה - אזוי ווי זיין וואונטש איז - אן קיין שטערונגען.

צו קענען אפקויפן דעם הויז האט ער געמוזט נעמען א גרויסע מאגעדזש (משכנתא = הלוואה) פון די באנק, און אויך גיין צו עטליכע גמ"חן בעהטן הלוואות כדי צו קענען האבן די נויטיגע סומע, אבער אין די זעלבע צייט האט ער נישט אויפגעהערט צו בעהטן פון השי"ת די שטרעבן פון דוד המלך עליו השלום: "אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש, שבתי בבית ה' כל ימי חיי" - אן איך זאל דארפן געשטערט ווערן פון לימוד התורה דורך דרייען חובות ווען איך האב נישט קיין אנהאונג וויאזוי איך זאל זיי באצאהלן.

*

עס זענען אריבער נאר עטליכע טעג, און דאס אומגלויבליך האט פאסירט; אין א מיטאג שטונדע, ווען דער ראש ישיבה איז אהיים געקומען נאך א אנגעפולטע פארמיטאג מיט הרבצת תורה, האט זיך פלוצלינג געהערט אז טעלעפאן קלינג, פון די אנדערע זייט האט זיך פארגעשטעלט א תל-אביב'ער אדוואקאט, וואס איז געשטעלט געווארן צו זיין דער פאראנטווארטליכער אויף די ירושה פון עפעס א נפטר, א ווייטער פאמיליע-קרוב פון דעם ראש ישיבה.

דער נפטר איז געווען א עלטערער און א עלנדער, און אין לויף פון צעהנדליגער יארן האט דער ראש ישיבה זיך געזארגט אים מקרב צו זיין, ווען פון מאל צו מאל, איבערהויפט ערב ימים טובים, פלעגט ער אים קלינגען אנוואונטשן א גוט יאר א.ד.ג.

ממש יעצט איז דער איד נפטר געווארן, און דער ראש ישיבה האט זיך אויך באטייליגט ביי זיין לויה און אים מספיד געווען, אבער יעצט איז ער איגאנצן איבערראשט געווארן צו הערן פונעם אדוואקאט אז דער נפטר האט אין זיין אנוועזנהייט גע'חתמ'עט אויף א צוואה ווי דארט הייסט ער געבן א שיינע חלק פון זיין ירושה, א סומע וואס באטרעפט א מיליאן ש"ח.

"הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו" - איז ווי פון זיך אליין ארויסגעקומע פון דעם ראש ישיבה'ס מויל ווען ער האט געענדיגט די שמועס מיטן אדוואקאט. ער האט געזעהן מיט זיינע אייגענע אויגן וויאזוי השי"ת האט צוגעהערט זיין תפילה און פונקט אין די צייט וואס ער האט זיך זייער גענויטיגט אין דעם האט ער אים פלוצלינג אן צו וויסן פון פריער געשיקט א שיינע סומע וואס מיט דעם קען ער באצאלן די חובות ווען עס בלייבט נאך איבער אין זיינע הענט זייער א שיינע סומע.

*

אבער עטליכע שעה'ן נאכדעם האט זיך אלעס געגעבן א טויש. דער טעלעפאן האט נאכאמאל געקלינגען אין די הויז פונעם ראש ישיבה, און פון די אנדערע זייט האט זיך ווידער געהערט די שטימע פון דער אדוואקאט: "איך וויל דיר דערציילן, אז ביי מיר אין אפיס איז יעצט געקומען א פלומעניצע פון דעם נפטר, וואס האט באשלאסן זיך קריגן מיט דיר איבער די צוואה פון די ירושה טענה'דיג אז דו האסט ארויסבאקומען די צוואה מיט דיין געשליפענעם צונג, ווען דו לייגסט ארויף אויף אים גרויס דרוק".

פון די אנדערע זייט האט געהערשט א שטילקייט, עס איז איבעריג צו זאגן אז אירע ווערטער איז אינגאנצן נישט געווען אמת, און ווי איינער וואס לייענט זיינע געדאנקען, האט דער אדוואקאט פארגעזעצט: "איך האב קלאר געזאגט פאר די פלומעניצע אז אקעגן מיינע אויגן האט דער נפטר גע'חתמ'עט אויף די צוואה, און איך קען אויף דעם עדות זאגן אין יעדע געריכט הויז וואו עס וועט זיך פאדערן, ווייל די גאנצע געשיכטע פון די ירושה איז ארויפגעפאלן אויף דיר ווי א דונער אינמיטן א העלן טאג, און ווי עס זעהט אויס האסטו זיך נישט גערעכנט אויף דעם. אבער ווייל זי האלט זיך ביי איר'ס זעהט אויס אז מ'וועט דארפן ווארטן אויף א נייע באפעל פונעם געריכט הויז".

"פון דעסוועגן", האט דער אדוואקאט בארואיגט דעם ראש ישיבה, "עס קען זיין אז עס וועט נאך געדוירן אסאך צייט ביז אלעס וועט ערלעדיגט ווערן, אבער עס איז מיר קלאר ווי דער טאג אז אין ענדע וועט מען אין געריכט הויז נישט אננעמען די טענות פון די פלומעניצע".

די ווערטער פונעם אדוואקאט וואס זענען געזאגט געווארן מיט א פעסטקייט האבן אביסל בארואיגט דעם ראש ישיבה, אבער א קורצע צייט נאכן אראפלייגן דעם טעלעפאן, האט ער אנגעהויבן טראכטן אינגאנצן אויף א אנדערע וועג, פון די סארט געדאנקען וואס דער אדוואקאט וואלט נישט געקענט פארשטיין...

אקעגן זיינע אויגן זענען אדורך געלאפן פארשידענע סוגיות אין הלכות קנינים, און ער האט אנגעהויבן טראכטן אז וויבאלד זיין קרוב איז נישט געווען קיין שומר תורה ומצוות האט ער נישט גע'חתמ'עט אויף די צוואה ווי א ריכטיגע תורה'ידע 'קנין', וועגן דעם האט נישט די צוואה קיין תורה'דיגן כח, און די ירושה דארף אריבער גיין צו די פלומעניצע, וואס זי איז מער א נענטערע קרוב ווי ער.

אין די קומענדיגע טעג האט דער ראש ישיבה זיך שטארק ארייגעלייגט אין די ספרי הלכה און שו"ת, ווען נאכדעם איז ער צוגעקומען צו די מסקנא אז טאקע אז לויט רוב פוסקים איז נישטא קיין שום פראבלעם אין די צוואה, אבער לוט די דעה פון הגרי"ש אלישיב, וואס ער האט אים געהאלטן פאר זיין רבי, איז נישט זיכער אז ער איז גערעכט.

דער ראש ישיבה האט זיך פארטראכט, און אין ענדע האט ער באשלאסן מיט א שטארקהייט און א פעסטקייט נישט ווערן איבערגערעדט פון די געלט. ער האט נישט געוואלט אריינפאלן אויך אין א ווייטע חשש פון גזל, און אין זיין הארץ איז ער געווען זיכער אז דער אויבישטער וועט אים צושיקן די געלט דורך מער כשר'ע וועגן.

*

בעפאר ער וועט צוריק ציעהן פון זיין באשלוס, האט ער זיך געאיילט אנרופן דעם אדוואקאט אים צו מעלדן אז צוליב הלכה'דיגע חששות איז ער מוותר אויף זיין חלק אין די ירושה.

אבער נאך בעפאר ער האט אנגעיאגט צו עפענען זיין מויל האט זיך שוין געהערט די פרייליכע שטימע פונעם אדוואקאט: "איר דארפט שוין נישט זארגן. נעכטן נאכט האב איך זיך געטראפן מיט די פלומעניצע, איך האב איר נאכאמאל קלאר געמאכט, ווען איך ווייז איר אויף מיט דאקומענטן און מיט פריערדיגע אורטיילן, אז אירע טענות וועלן נישט אנגענומען ווערן אין געריכט הויז. זי האט געהערט און האט באשלאסן אז זי וויל האנדלען מיט דיר איבער א פשרה. האסט יעצט צוויי אפציעס: אדער מסכים זיין צו א פשרה, אדער ווארטן ביז ווען דער געריכט וועט זאגן זיין ווארט, און ווי געזאגט, עס קען זיך ציעהן א לאנגע צייט.

ווי גערעכטן, האט דער ראש ישיבה אויסדערוועלט די וועג פון די פשרה, ער האט זיך געטראפן מיט די פלומעניצע און איר פארגעשלאגן אז זי זאל אליין באשליסן וויפיל זי בעהט צוליב די פשרה.

די פרוי האט זיך פארטראכט אויף א מינוט, און נאכדעם האט זי קוואנקלדיג געזאגט איר פארשלאג: "אויב דו ביזסט מסכים, וועל איך נעמען צוואנציג פראצענט, און די איבעריגע אכציג פראצענט וועלן בלייבן ביי דיר". פון איר זייט האט זי עס אבי געזאגט, זי איז געווען זיכער אז דער רב וועט זיך עקשנ'ען, אדער ער וועט פאדערן גרעסערע פראצענטן, אבער איר איבערראשונג איז געווען זייער גרויס ווען דער ראש ישיבה האט באלד צוגעשטימט צו איר פארשלאג.

דאס איז געווען ווי א 'מתנה', און נישט ווי א 'ירושה', דער אפמאך איז גע'חתמ'עט געווארן אינעם אפיס פונעם אדוואקאט, און די געלט, וואס מיט דעם האט מען געקענט דעקן די חובות פונעם ראש ישיבה אויף די דירה, און די איבעריגע, האט מען באלד אריבער געפירט צו דעם באנק פונעם ראש ישיבה.

אויך מיר האבן זוכה געווען צוליב די ירושה צו נאך א ערציילונג וואס קען קלאר אויפווייזן דעם וואונדערליכן כח פון א תפילה וואס קומט ארויס פון טיפן הארץ, א תפילה וואס קען אויפטוהן אפענע ניסים און טוישן די טבע.

**געהערט פון די בני המשפחה**